דער צענטראַלער מאָטיוו און תוכן פון דער תפילה גופא. זי דריקט אויס ניט נאָר אַ באַשלוס מקיים צו זיין אַ מצווה, נאָר דעם גאַנצען גייסטיגען צושטאַנד פון אַ מתפלל. קורץ, תפילה איז, ווי די הלכה האָט איר אָנגערופן, אַן עבודת שבלב, דאָס דינען דעם רבש״ע מיט׳ן האַרצען.

אמת, די הלכה האָט קיין מאָל ניט געהאַט צופיל פאַרטרויען אין די סובּיעקטיווע, פאָרמלאָזע און פליסענדע געמיט־צושטאַנדען און אינערע איבּערלעבענישען. זי האָט שטענדיג געפאָדערט, אַז דער מעכטיגער שטראָם פון געפיל און געדאַנקען זאָל זיך אַריינגיסען אין אָביעקטיווע כלים און זאָל זיך אויסקריסטאַליזירען אין באַשטימטע קאָנקרעטע מעשים: דאָס געפיל פון חסד אין געבען צדקה, דאָס געפיל פון קדושה אין אַ מאָראַלישער הנהגה, און אַזוי ווייטער. סוביעקטיוויטעט און אינערליכקייט אַליין זענען ווי אַ נשמה אָן אַ גוף, אומפאַסבּאַר, אומהאַלטבּאַר, עפעמעראַל און דקות׳דיג. דאָס געפיל שיינט אויף פּראַכטפול ווי אַ שיינער זון־אויפגאַנג אין אַ קלאָרען זומער פרימאָרגען, אָבער פאַרשווינדט אויך זעהר שנעל אין דעם נעפעל פון אומזיכערקייט. די פיזישע האַנדלונג גיט דעם סוביעקטיווען צושטאַנד סטאַביליטעט און דויערהאַפטיגקייט. ממילא, האָט די הלכה פאַרלאַנגט, אַז די עבודה שבלב — תפילה — זאָל ניט בלייבען פאַרשלאָסען אין האַרצען, נאָר זאָל זיך אַנטפּלעקען לגבי חוץ און קריגען איר ממשות׳דיגען תיקון אין אַ פעסטגעשטעלטען נוסח התפילה, דריי מאָל אַ טאָג דאַווענען, און אַנדערע אָביעקטיווע באַדינגונגען, אָבער די אַלע פאָדערונגען רירען נאָר אָן די טעכניק פון תפילה (הלכה׳ש גערעדט, די מעשה המצווה), די מיטלען וועלכע מאַניפעסטירן די עבודה שבלב, אָבער ניט דעם עצם קערנדל פון תפילה, וועלכער בלייבט באַהאַלטען אין די אָפּגרונטען פון האַרצען, אין דעם מיסטעריעזען ציטער פון אַ גאָט־דורשטיגער נשמה, באַנוצענדיג זיך מיט אַ הלכה׳שען טערמין וואָלט איך געזאָגט, אַז דער קיום המצווה ווערט רעאַליזירט בלב „אל תעש תפלת קבע אלא רחמים ותחנונים לפני המקום.״

די מסקנה פון דער הנחה איז אַ פשוט׳ע. ניט געקוקט דערויף וואָס דער נוסח פון דער תפילה איז אידענטיש פאַר אַלעמען, איז די תפילה זעלבסט קיין מאָל ניט סטאַנדאַדיזירט געוואָרען. אַלע זאָגען די זעלבע ווערטער, אַלע בייגען זיך צו מודים, אַלע דאַווענען מיט׳ן פנים צו ארץ־ישראל, אַלע זאָגען „משיב הרוח״ ווינטער און „יעלה ויבא״ ראש חודש, אָבער יעדעם האַרץ דינט דעם רבש״ע אויף איר שטייגער, אינדיווידועל און אייגענאַרטיג. שוין ביים אָנפאַנג פון דער שמונה עשרה, אָנרופענדיג דעם רבש״ע הא׳ הגדול הגבור והנורא, האָט יעדער יחיד זיינע באַזונדערע איבערלעבונגען. איינער קען דערביי פילען די אומענדליכקייט און אַלמעכטיגקייט פון גאָט, ווי ער איז זיך מתגלה אין דער גרויסער מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישער וועלט. די אַסטראָנאָמישע מרחקים, וועלכע שפּרייטען זיך אויס פאַר׳ן מענשען אין אַ קלאָרער אויסגעשטערנטער נאַכט, די דינאַמיק פון דער נאַטור, ווי זי ווירקט זיך אויס אין אַלע דערשיינונגען, פון דעם פאַלען פון שטיין ביז דאָס פליען פון די נעפעלס אויף

„משון", אזוי „ווילד" און אזוי „פריטיוון", אז זי האט מורא אריבערצוטרעטען דעם שוועל פון טעמפעל, ווייל דארטען איז אלץ נארמאל, ציוויליזירט און שכל'דיג. דאס מערקווירדיגע אידישע הארץ האט געדאווענט און געטאן תפילה זינט אברהם אבינו אן.

דערפאר איז דער אידישער „סקארבאווער" נוסח (די ליטורגישע ניגונים) זעהר ווייט פון צו זיין פערפעקט פון מוזיקאלישען שטאנדפונקט. דער אידישער מעלאדישער נוסח צייכענט זיך אויס א סך מאל מיט זיין פארמלאזיגקייט און מיט זיינע פלוצלינגע קפיצות הדרך. ווער עס זוכט הארמאנישע אראנזשירונגען פון קלאנגען אין אידישע תפילה ניגונים וועט זיך פילען אנטוישט. וואס מען קען יא געפינען אין זיי איז דעם סטיכישען אויסברוך פון געפילען; למשל, האפנונג און וויזיע ווי אין „ובכן תן פחדך", שטילע פרייד און געגועים ווי אין „הכהנים והעם", רעזיגנאציע און טרויער, ווי אין „אשמנו" אדער אין „אנא השם חטאו"; מעלאנכאליע און גלייכצייטיג מוטיגקייט, ווי אין קדיש פון „נעילה", פייערליכקייט און שפאנונג ווי אין „כל נדרי". פון די אלע מעלאדיען זינגט ארוים ניט קיין שפע פון קלאנגען, נאר אן עשירות פון הארציגקייט און נשמה'דיגקייט, די שטימע פון „מן המיצר קראתי",

(שלום אויף דער ראמאן זייט)

# ווי אזוי דארף א איד דאַווענען?

(שלוס פון דער פינפטער זייט)

פון „ממעמקים קראתיך ד׳,״ פון „תפילה לעני כי יעטף ולפני ד׳ ישפך שיחו״. דאס איז די מעלאדישקייט פון עבודה שבלב, וואו די פארם ווערט פארזונקען אין אינהאלט, די פראזע אין געפיל און די אויסערליכקייט אין אינערליכקייט. דא רעאגירט דאס הארץ, דער אמת.

איך שטעל מיר פאר א כל נדרי ...יכט אין בית מדרש פון בעל־שם־ ... אדער פון תניא, ז״ל. דארטען ...ט מען זיך זיכער ניט באנוצט מיט ...וואָ מוזיק, מיט כארען און דעקא־ ...ה.ג. מען האט דארטען ניט געהאט ...יק־ין אויסגעפוצטע בימות מיט טעפיכער, בלומען און ראבאים, געשולט אין דיקציע און מיט פיינע מאנירען. דארטען האבען געדאווענט פראסטע, פשוט׳ע אידען, וועלכע זענען געווען זעהר ווייט פון „יפיותו של יפת״, אבער דערפאר אורוויקסיג, צוזאמענגעשמאלצען מיט די דורות, פול מיט ביגוגנען פייער אין צימער. „עזה [illegible] כמות אהבה קשה כשאול קנאה...״ די פארם האט אינגאנצען געפעלט, אבער דערפאר האט זיך דארטען געטראגען א שטורם פון א פלאמענדען גלויבען, פון א גרויסער ליבע און ליידענשאפט צום בורא עולם. אלע מתפללים האבען זיך מסתמא געשאקעלט ווי די ביימער אין א וואלד, ווען עס צעבושעוועט זיך א רוח סערה, און האבען זיכער ארויסגעשאקעלט פון זיך די עבודה שבלב.

איך האב דאס רעכט זיך פארצושטעלען אזא בילד, ווייל אין מיינע קינדערשע זכרונות, האלב פארנעפעלט און האלב פאראמאנטיזירט, זע איך נאך איצטער ווי א חב״ד־קהילה פלעגט זיך פאנאנדערשאקלען די ערשטע נאכט ראש השנה, די „נאכט פון קאראנאציע״ (ווי אלטע חסידים פלעגען איר רופען), ווען דער קליינער, נישטיגער און הילפלאזער מענש, שהיום כאן ולמחר בקבר, דערלאנגט א כתר מלוכה דעם עתיק יומין, דעם אין סוף, דעם חי העולמים און באטיטעלט אים „המלך הקדוש״. איך הער נאך איצטער דעם מורמעל פון הונדערטער אידען, צעהיצטע און פארגייסטיגטע, וואס פלעגט דורכלויפען דורך דער שול, ווען דער בעל־תפילה פלעגט ענדיגען דעם קדיש, און קהל פלעגט אנהויבן זאגען די שמונה עשרה, א גערויש פון עפעס גרויסעס, דערהאבענעס, ווארימעס און לעבעדיגעס, וואס האט ניט געדארפט קיין חזן, קיין כאר, קיינע טעאטראלישע דעקאראציעס, כדי צו דערגיין צו די שערי שמים.

דארף דער קוואל, וואס שפרודעלט ארויס פון דער ערד מיט אורקראפט, וועלכע עס איז געקינסטעלטע פארם, כדי צו זיין פרעכטיג און איינדרוקספול? דארף די לאווע, וועלכע ווערט ארויסגעשפיגען פון דעם פייערדיגען וואולקאן, זיך באוועגען נאך די כללים פון פוסטען, קאלטען דעקארום? דוקא אין זייער נאטירליכקייט, אורשפרינגליכקייט און ספאנטאנישקייט אנטפלעקט זיך זייער שיינקייט, דער הוד שבגבורה! און איז ניט דער מענש וואס דאווענט א שפרודלדיגער קוואל אדער גאר א פייער־שפייענדיגער בארג?

בכן איז עס קלאר, אז תפילה איז דער היפוך פון א צערעמאניאל בנוגע דאס פארהעלטניש צווישען אינהאלט און פארם, צווישען הארץ און ווארט, און דערפאר וועלען די אלע עסטעטישע תיקונים, אנשטאט צו פארטיפן די איבערלעבעניש, איר בארויבען [illegible]

זען זיך ארוים ווי שעטנז מיט עבודה שבלב. אויב די אמת׳ע תפילה ווערט געטאן אין הארצען, דארף מען ניט האבען קיין צערעמאניאל־מייסטער, וועלכער זאל פארמיטלען צווישען דעם קהל און דעם בורא עולם. יעדער יחיד האט א הארץ, וועלכעס איז, נאך השקפת היהדות, אנגעפילט מיט ליבע — באוואוסטזיניג אדער אומבאוואוסטזיניג — צו גאט, און דאס הארץ איז פונקט אזוי נאענט צו די שערי שמים ווי דאס הארץ פון א ראבאי, און א סך מאל אפשר נענטער. דער ראבאי דארף ניט שטיין אויף דער בימה, אויסגעפוצט אין „בגדי כהונה״, און דארף ניט רעזשיסירען דאס דאווענען. ער און דער פשוט׳ער איד זענען גלייכע יחסנים פאר׳ן רבש״ע, און דארפען דאווענען אונטען אין שול אן קיין שום הבדלים. איך וויל ניט אריינגיין אין די הלכה׳שע פרטים בנוגע דעם איסור פון געפינען זיך אויף א פלאטפארם... [illegible] מען דאווענט, אבער איין זאך ווייס איך, אז דאס שטיין העכער, איבער׳ן ציבור, אין דער צייט פון תפילה, איז א סתירה צו עבודה שבלב, וואס איז אן אויסדרוק פון דעם ממעמקים־געפיל. די היינטיגע פאלשע ראלע פון דעם ראבאי אין דער אנפירונג פון דעם דאווענען איז א רעזולטאט פון דעם פאלשען צערעמאניאל־באגריף, וואס האט זיך אריינגעכאפט אין אונזער אויפפאסונג וועגען תפילה.

ועל כולם, קען עבודה שבלב ניט אפגעטיילט ווערען פון לעבען. שטייענדיג פאר גאט אין תפילה, דארף דער מענש אפגעבען דין וחשבון אויף זיינע אלטעגליכע מעשים מחוץ דער שול. תפילה דארף זיין דער שפיגעל פון מענשענ׳ס הנהגה, און טאר קיין מאל ניט ווערען א כוח, וואס זאל אים דערמעגליכען צו אנטלויפען פון זיך אליין און פון זיינע מאראלישע פאראנטווארטליכקייטען. אידישע שולען האבען, אין קאנטראסט צו דער קירכע, קיין מאל ניט אנטוויקעלט קיין ארכיטעקטאנישע און דעקאראטיווע מיטלען ווי צו פארצויבערען דעם מענשען און פארוויגען אים אין א שטימונג פון איבערנאטירליכקייט. זיי האבען קיין מאל ניט געוואלט שאפען די אילוזיע, אז מען געפינט זיך פאר גאט, בשעת דאס הארץ זוכט אים גארניט, ווייל זי איז הארט ווי א שטיין, ברוטאל און ציניש. ביי אונז אין די שולען האט ניט געהערשט קיין האלב־טונקעלקייט; דאס ווייסע ליכט פון דער זון איז קיין מאל ניט פארשטעלט געווארען דורך שמאלע קאלירטע פענסטער. אין אונזערע שולען האט קיין מאל ניט אפגעקלונגען דער עכא פון די ווייכע, רייכע טענער פון ארגעל־מוזיק און פון דעם געזאנג פון א געמישטען כאר, באהאלטען פון די אויגען פון די דאוונער, כדי צו שאפען א ניט־וועלטליכע מיסטישע שטימונג. מיר האבען זיך קיין מאל ניט באמיט ארויסצונעמען דעם אידען פון דער ווירקליכקייט און אים צונויפפירען מיט גייסטער. פארקערט, מיר האבן שטענדיג פון אים פארלאנגט, אז די תפילה זאל זיין א המשך פון זיין לעבען, און אין איר זאל ער מודה זיין על האמת. דעריבער איז די גאנצע קריסטליך־קאטוילישע דראמאטיזאציע פון תפילה אזוי אומפארשטענדליך פאר אונזער רעליגיעזען באוואוסטזיין, און דערפאר איז די הלכה אזוי קעגנעריש איינגעשטעלט צו דער [illegible]

קוואל אדער גאר א פייער־שפייענ־גער בארג?

בכן איז עס קלאר, אז תפילה איז דער היפוך פון א צערעמאניאל בנוגע דאס פארהעלטניש צווישען אינהאלט און פארם, צווישען הארץ און ווארט, און דערפאר ווערען די אלע עסטעטישע תיקונים, אנשטאט צו פארטיפען די איבערלעבעניש, איר בארויבען פון איר תוכן און נשמה.

אבער אויך די איבעריגע צוויי אייגענשאפטען פון צערעמאניאל וויי־

תפילה זאל זיין א המשך פון זיין לעבען, און אין איר זאל ער מודה זיין על האמת. דעריבער איז די גאנצע קריסטליך־קאטוילישע דראמאטיזאציע פון תפילה אזוי אומפארשטענדליך פאר אונזער רעליגיעזען באוואוסטזיין, און דערפאר איז די הלכה אזוי קעגנעריש איינגעשטעלט צו דער אזוי גערופענער מאדערניזירונג פון סדר התפילה, וועלכע ווישט אפ דאס אריגינאל אינדיווידועלע אין עבודה שבלב.